ב " ח -- ראשי=תיבות פון בעל חוב, בעל=חי, א"א.

ב ח ב ר ו ת א | בעכאווּרוסע | -- אדוו. אין
קאמפאניע, מיט דער חברה צו זאמען, ( מיט ) אלע
אין איינעם. % זיי לעבן אלע גוט צווישן זיך,
גייען בחברותא אויף שפאצירן, אין טעאטער.

... " האבן אלע צען חדר=יינגלעך בחברותא געמוזט מאכן
אקעגן אים יד=אחת ". שע, געצל, ...... 3

1937 " דער פאליציאנט איז בחברותא מיט צווי ארחי-
פרחים ארײַן אין א קלויסטער ". איבז מוו, 2
ז, פרויד, אריינפיר אין פסיכאאנאליז, העפט צוויי,
לעקציע XII, פונקט 6, ווילנע.

1959 " א 'חבורה' מיינט, ווען א גרופע לומדים נעמען
זיך צונויף בחברותא צו לערנען איין מסכת |...| ". 4
נ. גארדאן, שאג, VI/ 25.

1968 " אט אזוי האבן מיר בחברותא | טעקסט:בעכאווּרוסע|
אפגעקנאקט א וועטשערע ". אי, קיפּניס, אונטערוועגנס, 3
זש' סאוו' היימלאנד, נ'6, ז' 68.

ב ח ד א מ ח ת א | בעכאדא מאכטא | -- אדוו פר. ( תּמ )
פאר/מיט איין מאל, מיט איין מאך.

1967 " ער האט עס בחדא מחתא פארענטפערט אלע קשיות
און ספיקות ". נ. זיסקינד, גק, נ' 60, ז' 214. 6

בחדר"ג | בעכאַדראַג | -- ראשי=תיבות און אפקירצונג אין רייד פון די ווערטער " בחרם דרבנו גרשום".

- אזא אויפשריפט פלעגט מען מאכן אויף א בריוו, וואס מ'האט איבערגעשיקט מיט א שליח, צו באווארענען דעם פארבאט ( חרם ) צו עפענען לייענען פרעמדע בריוו, וועלכן ס'האט איינגעשטעלט דער באקאנטער פוסק רבנו גרשום מאור הגולה ( 960 - 1020 ). % דער שדכן האט טאקע שטארק געוואלט וויסן וואס אין בריוו שטייט, אבער דער בחדר"ג האט אים ניט געלאזט.

1876 " אז מע שיקט א בריוו און מע וויל ניט אז קיינער זאל ניט לייענען שרייבט מען אן פון אויבן בחדר"ג | טעקסט : בכאטראק |". חיים יאסילס |...|, דער צווייטער אייזין באנד, II טייל, באלטימיר, ז' 6. 12

... " אויף אים | דער בריוו | איז געשטאנען בחדר"ג |...| און בחדרג איז געווען א מאל ביי יידן שטארקער ווי טויזנט חתימות פון טריוואקס מיטן אדלער ". ממוס, שלמה ר' חיימס, ציט מווג, III . ז' 3. 8

... " |...| האסטו געקענט האבן אין זיך אזא יושר |...| און ווייזן |...| אסתרן די בריוו, וואס איך שרייב בחדר"ג ?". שע, מאריענבאד.

בחדרי=חדרים | בעכאַדרע כאַדאָרים | -- אדוו פר.

אין די אינעווייניקסטע צימערן, אין באהעלטעניש, אין א פארבארגענעם ארט. % באהאלטן זיך בחדרי=חדרים. די טריף=פסולע ביכלעך האט מען געלייענט בחדרי=חדרים, סע זאל זיך קיינער נישט דערוויסן.

... " פלעגט מען אמאליקע צייטן כאפן, אין מיטן יאר, א קערטל, נאר ווו? בחדרי חדרים ". שע, קנאַרטן. א/10

לכבוד יום-טוב I, 63 [illegible] נ"ו, 1937, ז' 201-

1905 " נאר אזעלכע לייט ווי פלעווע |...| רעכענען
לגמרי ניט, אז זייער ווערטער, וועלכע זיינען 10
ארויסגעזאגט געווארן <u>בחדרי= חדרים</u> |...| זאלן ווען
עס איז פארעפנטלעכט ווערן ". <u>רעד' ז. סינאני</u>
|...|, <u>קאמפף און קעמפפער</u>, פינפטע ליפערונג,
| אָרט ? |, ז' 80.

1942 " און גאט האט פארמאכט זיי <u>בחדרי=חדרים</u>, //
און ס'האט זיך קיין גואל=הדם נישט געפונען ". 11
<u>ח. נ. ביאליק</u> |?|, <u>ציט ייש, העברעישע פאעזיע,</u>
נ"י, ז' 279.

ב ח ו מ ר = ו ב ל ב נ י ם | בעכוימער אובילוויינים |
-- <u>אדוו פר.</u> ( <u>תמ</u> ) טייטש: מיט ליים און ציגל;
באטייט: ( ארבעטן ) שווער, ביי שווערער אַרבעט,
(הארעוועז) שטארק, מיט גרויס מאטערניש. % ער ארבעט
נעבעך גאנצע טעג <u>בחומר אומלבנים</u> און קומט אהיים
טויט מיד.

1898 " די ארעמע קלאסן מענטשן ארבעט <u>בחומר=ובלבנים</u>
|...| ביי טאג קלעטערן זיי ארום אין די גרעסטע 13
קעלטן |...| ארבעטן מער ווי אונדזערע אלטע זיידעס
|...| ". <u>א. מארגענשטערן</u>, <u>עגל הזהב</u>, ווארשע,
ז' 49.

ב ח ו ס ר = כ ל | בעכויסער=קאָל | -- <u>אדוו פר</u> ( <u>תמ</u> )
אָן גארנישט, אָן מיטלען צום לעבן. % פון אלע
זיינע געשעפטן האט זיך אויסגעלאזט א בוידעם, און
ער איז ארויס <u>בחוסר=כל</u>.

1833 " אז דער מאן וועט זעהן דאס ליבשאפט וואס זיין
ווייב האט מיט אים, חאטשי ער איז <u>בחוסר=כל</u> גייט 16
אריין שמחה אין זיין הרץ ". <u>הרב אליהו הכהן</u>
<u>די וידאש מאזמיר</u>, <u>שבט מוסר</u>, חלק שני, סדילקאב, דף ב/11.

1973 " ערגעץ ווו איז א ייד געניזיקט געווארן דורך
15 א שריפה און ער איז געבליבן בחוסר=כל - אן א העמד
אויפן לייב. ב. האגער, ניי גק, נ׳ 78, ז׳ 135.

ב ח ו פ ה = ו ק י ד ו ש י ן | בעכופע=וועקידושן |
-- אדוו פר. ( ) מיט שטעלן א חופה און דורך מקדש
זיין ( לויטן יידישן דין ). % נישט געקוקט אויף
די שווערע באדינגונגען פון מלחמה=צייט, האבן זיי
געוואלט חתונה האבן בחופה=וקדושין, כדת משה וישראל.

ב ח ו ץ | בעכוץ | -- אדוו. (אויפעם) אין/אויף דרויסן —
געניצט א מאל דורך חדר=יינגלעך ווען זיי האבן
געבעטן דעם מלמד רשות ארויסצוגיין וועגן זייער
באדערפענישן. % רבי, איך דארף בחוץ! קליין בחוץ
-- משתין זיין . גרויס בחוץ -- נקבים. (?נ?)

ב ח ו ר | באָכער | -- דער, =ים | באָכערים |.
1. א מאן אין עלטער פון דערוואקסנקייט און צייטיקייט,
נאך 13 יאר. % ער איז, קיין הרע, א בחור פון
א יאר 16. ביסט שוין א בחור און פירסט זיך אויף
ווי א קליין יינגל. דער בחור שטייט שוין אין
שידוכים.

1864 " די בחורים, דאס הייסט די ישיבה=לייט, צי ארעם
59 צי רייך, מוזן מאכן זיינע | זייערע | רייזן | רייזעס|
אימער צו פוס, מיט דעם רענצל | טעקסט: ראייניצעל |
אויף די פלייצעס און איין שטעקן אין האנט ".
אמד, ספרי מהגאון בעל תוספות יום טוב ז"ל, ווילנא.

|...|" זיצן שוועסטערלעך דריי // לויפט ארויס די
שענסטע, די קלענסטע, און רופט דעם בחורל אריין". 71
( פל )

... " בארג=אפ ,לויפן צוויי בחורים אין שינעטענע
קאפאטקעלעך, שיך און זעקעלעך, די הענט אריינגעלאזט 31
אין די גארטלעך, אויף די קעפ גלאנצנדיקע היטעלעך " .
פרץ, אין חדר אריין, שקצים, (ז' 187.... ביי אַלף וואַדקע ב...)

1937 " פון אויב אראפ האט ער באטראכט דעם מיטלוווקסיקן
בחור |...| ". מ. האלטער, מיר גרייטן זיך, 31/א
ווארשע, ציט אנט, ז' 120.

1953 " אין דער צייט פון דער 'אקציע' האט | א יידישער |
בחור ארויסגעכאפט א האק, זיך געווארפן אויף א 55
ווייסרוסישן פאליציסט און אפגעהאקט אים א האנט ".
ז. לעווינבור, ספר זכרון ברנוביץ, ת"א, ז' 572.

2.אן אומבאווייבטער מאנספארשוין. % דער ערשטער
זון אונדזערער האט חתונה געהאט, דער צווייטער איז
נאך א בחור. ער איז שוין געבליבן א בחור ביזן
טויט אריין.

1911 " | איך בין | שטארק פאררופן אין שטעטל דער פאר
וואס איך בין א בחור העכער פון צוואנציק יאר און 55/א
נאך נישט קיין באווייבטער ". ממוס, קליאטשע.
קאנק: 968840.

1961 " איך בין אן אלטער בחור, איך האב שוין אריבער-
געשפרייזט די ארבעים ". מענער און פרויען, 54
שמז, XII/26.

3. ( ווולג?, אייפעמ? ) דער מענלעכער אבר.

||=ווייז | באכערוויז | -- אדון. אין דער צייט
ווען מ'איז ( געווען ) א בחור, יונגערהייט.

% בחורוויז האט ער געוואנדערט פון איין ישיבה אין
דער צווייטער.

1868 " ערשטנס, עס איז זיי טעג בחורווייז, דערנאך קעסט
56 ביי שווער און שוויגער ". | אמד | די ליידיגע
ווינצונגען, ווילנא, ז' 40.

1939 " איך האב ניט געקענט דעם ר' יהושע |...| נאך פון
57 בחורווייז מערערע יארן ". |...| הרב צ. טייטלבוים
שו"ת עצי חיים, סיגעט, תקצ"ט, שאלה ח', דף פה
| כה?|/3.

=טע ----> זבן.

=וק | באַכערוק | - דער, =עס. צעוואקסענער בחור,
הויך, דיק, % דער בחורוק האט זיך קוים דורכגעשפארט
דורך דער טיר.

2. ( בישול )א גראבער יונג, אומסימפאטישער בחור.
1943 " |...| איבערטראגן די חוצפה פון א יידישן
58 בחורוק". אש, מאן פון נצרת, נ"י, ז' 16.

=יכע -- די, =ס. ( שפאסיק ) וועגן א וווקסיק מיידל
אדער וועגן א מיידל וואס האט א בחורישן כאראקטער.

=ילע -- דער, =ס. ( שלש ) א צעוואקסענער, הויכער,
דיקער. אומגעלומפערט אויסזעעניקער בחור.

=יש -- אדי/אדוו. וואס איז (ווי) פון א בחור,
שייך צו א בחור. % זינט יארן פירט ער א בחוריש
לעבן. זיי דערמאנען זיך אפט אין די בחורישע יארן.
1929 " ער איז געזעסן ביי זיך אין דער בחורישער 1919
66 קווארטיר ". בערג, אין א פארגרעבטער שטאט,
ווילנע, ז' 8.

1928 " זי איז א סעדעכע, האנדלט אויפן מארק, אבער,
67 נישקשה, זי פארשטייט זיך אויף בחורישע זאכן".

מק, מוניע דער פייגלהענדלער, ווארשע, ציט אנט,
ז׳ 590 - 591.

=סקע -- אדוו. ( רוסיצ, נא ) אויפן שטייגער פון
א בחור, בראוו, פלינק.

1876 " עס לויפט איינער |...| שפרינגט אראפ פון דער
83 דראזשקע אזוי בחורסקע |...| ". ייל, פריטשעפע,
אדעס, ז׳ 36.

=עץ -- דער, =ן. ( איר ) שטארקער, געזונטער בחור.
1901 " ליפע, ליג גלייך |...| מאך נישט קיין אנשטעלן,
85/א איך האב קיין כוח נישט צו בארען זיך מיט אזא בחורעץ".
שע, ל"ג בעומר. מעשיות פאר יידישע קינדער II,
ציט אויסג [illegible] [illegible] נ"י, ז׳ 105. (1944

1938 " צוויי געזונטע בחורעצן פארלייגן האנט אויף אקסל
85 און לאזן זיך אוועק א דריידלטאנץ ". זש, נח פאנדרע,
ווארשע, ז׳ 31.
[טונל ?]

=ש -- אדי/ אדוו -- דזוו בחוריש ( <---- ).
1934 " דער לאנגער שאטן, וואס עס האט געווארפן זיין
89 בחורשער אויסגעדאכטער יונגער קערפער |...|".
אש, דער תהילים=ייד, [illegible].

1951 " פון מיינע יובג= בחורשע יארן |...| איז ביי
64 מיר פארבליבן אין זיכרון |...| ". מ. כץ, זב ליטע
I, נ"י, ז׳ 1381.

=שאפט -- די, בא. מצב, מעמד פון זיין א בחור,
די צייט ווען מ׳איז (געווען) א בחור.

1918. " דאס איז געווען א גלענצל פון לאנג אפגעהיטענער
90 בחורשאפט, וואס איז שוין נאענט צו א תכלית ".
בערג, [illegible], ציט אנט, "א שפיגל אויף א שטיין,
ת"א, ז׳ 24. (1964,

יח - 8 (דאָס בחור הזעצער הקפה פֿעטבוטן אַיין אלות אין)

0 **בחור הזעצער** -- דער, **בא.** ( **איר** ) וועגן א זעצער וואס מאכט גרייזן ביים דרוקן. ס'האט זיך באקומען א מיאוס ווארט. די שרייבערס קלאגן זיך תמיד אויף דעם **בחור הזעצער**, וואס מאכט א תל פֿון זייערע שאפונגען.

**בחורים=הקפה** | האקאפע | -- די, **בא.** דער כבוד וואס מע טיילט צו א חתן=בחור ארומצוגיין מיט דער תורה אום שמחת=תורה.

1912 " פלוצעם האט ער זיך דערמאנט נאך יענעם שמחת= תורה, איידער ער איז א חתן געווארן |...| אים (?נ?) 60 האט מען דעמאלט מכבד געווען מיט דער '**בחורים=הקפה**'". **רעד' ג. באדער, יודישער פאלקס=קאלענדאר,** לעמבערג, ז' 124.

**בחור=מעסיק** -- **אדוו.** אויפן שטייגער פֿון א בחור.

~~1949~~ 1930 " |...| אפגעענטפערט מיט א געוויסער זיכערקייט קוקנדיק **בחורמעסיק** אין שיסל אריין ". **אש, ווארשע,** 73 נ"י, (1949,) ז' 48. 63 אויסג

אלט=בחוריש -- אדי/ אדור. (ווי $ פון £) אן אלטן
פארזעסענעם בחור.

ארעם=בחור -- דזוו ישיבה=בחור.

1868 " |...| אלס זיי זיינען געקומען פרייטיק צו נאכט
נאך וועטשערע צוריק אין קלויז האט דער ארעם=בחור 92
דערציילט |...| וואס פארא שארפע וועטשערע ער
האט געהאט ". אמד, עוזר צינקעס און דיא ציג,
ווילנא.

1962 " אין מיינע בית=מדרש=יארן אין די ליטווישע
שטעטלעך, ווו מע האט מיך און מיינע חברים גערופן
ארעמע=בחורים, ווייל מיר האבן געגעסן טעג און
געשלאפן אויף פרעמדע געלעגערס |...| ". י. בעקער,
ציט מ. אונגער, טאג, XII/2.

גמרא=בחור(ל) -- א יינגל וואס לערנט שוין גמרא.

חומש=בחור(ל) - א יינגל וואס לערנט שוין חומש אין
חדר.

1970 " דאס איז געווען א פאמיליע=שמחה און די עלטערן
פון דעם חומש=בחורל פלעגן איינלאדן אלע קרובים 72
און באקאנטע ". ש. לואל, יזב זלאטשעוו,
ת"א, ז' 70.

חתן=בחור -- בחור וואס איז שוין אין עלטער צו ווערן
א חתן, חתונה צו האבן. % מיין ברודער איז שוין
א חתן=בחור, מע רעדט אים שידוכים.

ישיבה=בחור -- א בחור וואס לערנט אין א ישיבה.
ס'רוב ניט אין דער אייגענער שטאט. % אלע האבן
ליב געהאט דעם ישיבה=בחור, וואס האט ביי אונדז
געגעסן טעג.

" אבער וואס פאר א טעם האט דאס פארן זייערס אקעגן דעם צו=פוס=גיין פון א ישיבה=בחור ווי איך, וואס רייסט זיך ארויס פון שימל, דערשטיקעניש אויף דער פרישער לופט ". ממוס, ספר הבהמות, 58.

א בחור אין די יארן, א פארזעסענער בחור,

א מארצאווע בחור -- אן אלטער בחור, אזא וואס האט שוין לאנג געדארפט חתונה האבן.

א בחור אין שידוכים -- אזא וואס מע רעדט אים א שידוך, וואס האלט ביי חתונה האבן.

א בחור צו לייטן -- א פיינער, ווויל=דערצויגענער און וואס טויג זיך צו מסחר.

א בחור צו גאט און צו לייט -- דזווי דפוו און אויך פרום.

פפ: א בחור ווי א בוים ( וואר: ווי א סאסנע, ווי א קארעפירער אתרוג) -- א שיינער בחור.

א בחור כארז -- דזוו דפוו.

א בחור ווי א דעמב -- א שטארקער, געזונטער בחור.

א בחור כהלכה -- אזא ווי ס'באדארף צו זיין, וואס איז גוט אין אלע אספעקטן.

... " אויך א מאל |...| געוועזן א פריי פייגעלע, א בחור כהלכה " ש"ע, דער פארכישופטער שניידער ".

א בחור ווי א בוים, א מויד ווי א צימעס -- שפאסיק וועגן א פארל וואס איז שיין, גוט; אמאל אויך שפאטיש - ער איז שיין, שלאנק, און זי פעט(דיק).

א בחור ווי א ליכט נאר ער וויל נישט ברענען --

( שלש ) אויף איינעם וואס ער איז ( אפשר) שיין אבער

אויך שלעכט.

א בחור ווי א מעסער - ( שלש ) פאראדיע אויף אן

עם=הארץ וואס קאן קיין עברי ניט, און לייענט איבער

שלעכט די ווערטער ׳ הבכור והמעשר׳.

פויל: ( ער איז ) א בחור און א חית -- דאס הייסט

א"בור", א גראבער יונג. וואריאנט: א בחור און

א חית, זעט אויס ( האט א פנים ) ווי א פיעס. ( הונט).

ער איז א ( אזא ) בחור ווי די אם איז א מויד.

זאל זיך א בחור ניט וועלן! ע(דער עיקר וועגן סעקסועלע זאכן, — גרעלבקט

אבער אויך בכלל צו איינעם וואס האט פארשיידענע תאוו׳ת.

פון ( אויס ) אן אלטן בחור ווערט א יונגער מאנטשיק -- ווייל

א חתונה געהאטן האט מען שוין גערופן יונגער=מאן

( ווארטשפיל ).

שון: א בחור ( וואס איז ) שענער ווי א טייוול איז שיין

גוט -- צו א שידוך איז פאר א בחור ניט וויכטיק די

שיינקייט, ווי/ פאר א מיידל. (ס׳איז)

א בחור טאר קיין שבת ניט זיין ( וואריאנט : (שפבן)

ווי א הונט קען קיין קצב ניט זיין, אזוי קען א

בחור קיין שדכן ניט זיין ) -- ווייל ער וועט

צונעמען דאס שענסטע ( רייכסטע ) מיידל פאר זיך.

פון א בחור און א העכט מאכט מען אלערליי געריכט - א יונגן מענטשן קאן מען נאך דערציען, בייגן צו אלצדינג, מאכן פון אים וואס מע וויל.

אז אן אלטער בחור שטארבט האבן מיידלעך א נקמהא -- זיי האלטן דאס פאר א גערעכטע שטראף, פאר וואס ער האט ניט חתונה געהאט.

א בחור און א מיידל זיינען ווי א האנטעך -- געמיינט אז יעדער שאפט זיך מיט זיי, פונקט ווי יעדער ווישט זיך מיטן האנטעך, להיפוך צו דעם מעמד פון א פארזיצנדיקן בעל=הבית אדער [illegible] בעל־הגוטע.

א בחור מאכט קידוש איבער שפענער ( וואריאנטן :

1) |...| מאכט קידוש איבער שפענער און הבדלה איבער א קאלטן פייערטאפ. 2) א בחור שלאפט אויף א באנקבעטל, מאכט קידוש איבער א גרויפ און שטארבט אין א לייבצודעקל ) -- די לעצטע שוו דריקן אויס דעם חוזק, ביטול אויף דעם נידעריקן מעמד פון א בחור, וואס האט נישט די זכיה אפילו צו פארשיידענע מצוות, ווי קידוש, שטארבן אין א טלית אע.

א בחור נאכן פריזיוו, א חזיר נאך קאלייד ( קריסטלעכע ניטל=חגא ) און אן ענדיק נאך פסח האבן צו זיך קיין גלייכן ניט -- ( איר ) ווייל אלעמען האט צוגעשפילט דאס מזל : דער בחור איז באפרייט געווארן, דעם חזיר און אינדיק האט מען ניט געקוילעט.

א בחור מיט א בחור שיט זיך ( טטוטש 233 ) באטייט ניט באוווסט.

אז א בחור נעמט אן אלמנה פאר איר ברויט, האט ער פון איר דעם טויט.

ם ----→ 1.

1732 " איין פיין בחור טוט גלייך זיין צו איין קעהר | ? | די מן שטעקט אין דיא ערד אריין ". עיון יצחק, בערלין, דף 27. 49

1750 " אלי בחורים זאלין קומן אין בעקין הויז אונד וועהר ניט ווערט קומן מצות צו באקין |...| ". בחורים ליד, פּפּק"מ, ציט ייבל XIII. א/49

ב ח/ר ט ע | באָכערטע | -- די, =ס. 1. א געזונט, שטארק מיידל, א גרויסע מויד. % די בחורטע האט מער כוח ווי צוויי מאנצבילן.

2. אן ענערגישע מיידל ( פרוי ), בראוו, קלוג. % די בחורטע פירט דאס געשעפט בעסער פון איר מאן.

3. א מיידל וואס האט דעם כאראקטער, פירט זיך אויף ווי א בחור. % די בחורטע האט א קול פון א מאנצביל, רייכערט און האט ניט פיינט דעם ביטערן טראפן.

4. ( ווולג ) אן אויסגעלאסענע פרוי, א פארשייטע מויד.

ב ח ו ר/ן | באָכערן | -- אוטוו. 1. איבערחזרן דאס ווארט"בחור" א סך מאל, רופן עמעצן כסדר " בחור". % וואס "בחורסטו" כסדר - איך האב קיין נאמען נישט?

2. ( שנש ) זיין א בחור, בלייבן אין מעמד פון א בחור.

1968 " געגוג געבחורט, שוין גענוג געיינגלט ". לע, אפקלייב, נ"י, ז' 192.

3. ( ווולג ) נואפן, טרייבן זנות | סטוטש 597 |.

ב ח ו ר ן | באָכערן | ז י ך -- אוטוו. 1. אויפפירן זיך ניט ווי א ( קליין ) יינגל, נאר ווי א דערוואקסענער, א בחור. % גאר פרי האט ער אנגעהויבן זיך צו בחורן, רייכערן פאפיראסן.

| 1907? | " |...| אז סאשא איז נאך געווען אין פינפטן קלאס גימנאזיע און האט געבחורט זיך |...| ". שע, 80

אין שמורה, ציט אויסג ווארשע 1925, ז' 26.

וועהר ניט ווערט קומען מצות צו באקין |...| ".

בחורים ליד, פפ"ם, ציט ייבל XIII.

ב ח|ר ט ע | באָכערטע | -- די, =ס. 1. א געזונט, שטארק מיידל, א גרויסע מויד. % די בחורטע האט מער כוח ווי צוויי מאנצבילן.

2. אן ענערגיש מיידל ( פרוי ), בראוו, קלוג. % די בחורטע פירט דאס געשעפט בעסער פון איר מאן.

3. א מיידל וואס האט דעם כאראקטער, פירט זיך אויף ווי א בחור. % די בחורטע האט א קול פון א מאנצביל, רייכערט און האט ניט פיינט דעם ביטערן טראפן.

4. ( ווולג ) אן אויסגעלאסענע פרוי, א פארשייטע מויד.

ב ח ו ר|ן | באָכערן | -- אוטוו. 1. איבערחזרן דאס ווארט"בחור" א סך מאל, רופן עמעצן כסדר " בחור". % וואס "בחורסטו" כסדר - איך האב קיין נאמען נישט?

2. ( שנש ) זיין א בחור, בלייבן אין מעמד פון א בחור. 1968 " גענוג געבחורט, שוין גענוג געיינגלט ". לע, אפקלייב, נ"י, ז' 192.

3. ( ווולג ) נואפן, טרייבן זנות | סטוטש 597 |.

ב ח ו ר ן | באכערן | ז י ך -- אוטוו. 1. אויפפירן זיך ניט ווי א ( קליין ) יינגל, נאר ווי א דערוואקסענער, א בחור. % גאר פרי האט ער אנגעהויבן זיך צו בחורן, רייכערן פאפיראסן.

|1907?| " |...| אז סאשא איז נאך געווען אין פינפטן קלאס גימנאזיע און האט געבחורט זיך |...| ". שע, 80
איך שטורם, ציט אויסג ווארשע 1925, ז' 26.

2. אויפפירן זיך ( אן עלטערער מענטש ) ווי ווען ווואלט געווען א יינגער, נאך א בחור ( האלטן זיך בראוו, פראנטעווען אע ) % ער האט שוין גרויע האר און בחורט זיך נאך אלץ.

1931 " האט זיך צו די עלטערע יארן גענומען בחורן ".
76 מ. טייטש, כאוועטר וווליעס טויט, כארקאוו, ז'96.

1963 " ווען ער האלט זיך לעבן ליאליעס מאמע, בחורט ער זיך,
78 גלייכט אויס די אייגגעהויקערטע פלייצע און דאס
בייכל ווערט ביי אים איינגעשרומפן ". מ. קאבריאנסקי,
אינמיטן וועג, סאוו' הימלאנד, ג'1, ז' 26.

בחוש | בעכוש | -- אדוו. באשיימפערלעך, ממש,
דייטלעך % מע זעט בחוש, אז
ער איז צופרידן פון דער מתנה. ער פילט בחוש, אז
די סכנה איז גרויס.

1868 " ... | און דאן האט מען געזען בחוש ווי די פינגער
94 פון דער טויטער האנט האבן זיך אנגעהויבן צו בייגן
| ... | ". | אמד | דער סיום התורה, ווילנא, ז' 39.

... " מיר זען בחוש, ווי שטערן . אין הימל כאפן זיך
95 אראפ פון וועג און ווערן פארפאלן ". פרץ, III,
ז' 305.

1965 " מען פילט בחוש ווי אויף דער פלייצע ווייען
93 קאלטע ווינטן וואס עסן זיך איין אין די ביינער ".
י. פאגעל, פאר, VIII/14.

בחזקה | בעכאזאקע | . אדוו. מיט/צוליב באזיצרעכט,
פריווילעגיע, זכות וואס קומט ווי א ירושה, טראדיציע
אע. % די שטאט אין בית=מדרש האב איך בחזקה
פון מיין טאטן ע"ה. ער וווינט שוין א יאר 50 בחזקה
און צאלט נישט קיין דירה=געלט. אן ארט אין פרעזידיום
פארנעמט ער שוין בחזקה -- פארט אן אלטער טוער.

... " און ווו א פעטער היסן, קומט, פארשטייט זיך
100 אים - ער האט דאס בחזקה פונעם לויתן ". י. מאניק,
א העכט מיט זיינע רעכט, משל.

ב ח ז ק ת |בעכעזקאַס| ... -- ערשטער טייל פון אַן
אדוו פר. ( סמ ) אין דעם מעמד, צושטאַנד, אין דער
קאַטעגאָריע, כאַראַקטער פון ....

1958 " צי שטייט ער דען ניט בחזקת פון א כופר בעיקר?".
99 א. שטיינבערג, גק, נ' 32, ז' 277.

1968 " זיין אפטייק איז אפנים געהאלטן געווארן
101 |...| בחזקת א צענטער פארן צונויפקום פון געהיימע
יידן. א. ליפינער, גק, נ' 63/62, ז' 277.

בחזקת=איסור -- אין דער קאטעגאריע פון פארבאטן.
% דער קצב פארקויפט טרפות, איז זיין יאטקע
בחזקת=איסור.

בחזקת=כשרות -- אין דער קאטעגאריע פון ( זיין )
כשר. % די שטוב איז ביי זיי בחזקת=כשרות און א
פרומער יידן מעג דארט עסן און טרינקען רויק.

1959 " א ייד איז בחזקת=כשרות -- מען דארף אננעמען
102 אז יעדער ייד גייט אין שול אריין, בפרט אין די
פארכטיקע טעג ". ב. שעפנער, פאר, X/24.

בחזקת=סכנה -- ( קאן זיין ) געפערלעך, סכנהדיק.

1893 " |...| אזא רייזע איז דאך בחזקת=סכנה, קען זי
104 דאך ח"ו בלייבן אין עגונה ". ע. בלאשטיין, דער
באנקראט, ווילנע, ז' 27.

1958 " ס'איז געהאט אנגעפאלן אזא שניי, אז דער וועג
103 איז געווען בחזקת =סכנה ". באש, גק, נ' 31, ז' 92.

בחזקת=זונה -- אין דער קאטעגאריע פון א זונה.

1972 " ווי באלד דער פריץ האט זי געצווונגען |...| איז
101/א זי נישט, חלילה, בחזקת=זונה". באש, פאר, XI/3.

ב ח ז ר ה | בעכאַזאָרע | -- אדוו. 1. אויף צוריק, (צוריק*אפּגעבן, אומקערן) %. די סחורה איז ניט קיין גוטע, וועט מען זי אפּשיקן בחזרה דעם פֿאַבריקאַנט. מע דאַרף אָפּטראָגן די ביכער בחזרה -- שוין אוועק דער טערמין.

2. צוריקוועגס. % דער וועג אַהין איז נאָך געווען צו דערליידן, אָבער בחזרה האָבן מיר שטאַרק געליטן פֿון ים=שטורעם.

ב ח י ב ו ק = י ד י ם | בעכיבעק יאַדאַיִם | -- אדוו פר. (מח) מיט פֿאַרלייגטע הענט, ניט טוענדיק גאָרניט, ניט רעאַגירנדיק. % מע טאָר ניט זיצן בחיבוק=ידים אין אַזאַ סכנה=צייט.

דער וואָס זיצט בחיבוק=ידים, בלייבט אָן מכנסים (שוו).

ב ח י ו ב | בעכיִעוו | -- אדוו. (מח) פּאָזיטיוו, גײַציק, באַשטעטיקנדיק. % דעם ענין פֿון בויען אַ נײַעם בית=מדרש האָט די קהילה באַשלאָסן בחיוב.

||=דיק -- אדי/ אדוו. דזוו דפוו. % דער בעל=מלאכה האָט באַקומען פֿון דער גמילות=חסדים=קאַסע אַ בחיובדיקע תשובה אויף זײַן בקשה וועגן אַ הלוואה.

" נאָכן אַנאַליז פֿון |...| עצם ענין וועט זיך אַרויס־ 1925 ווײַזן, אַז אויף דער שאלה קען געגעבן ווערן אַ בחיובדיקער ענטפֿער". ש. קאַלקער, דאָס פֿאָלק און די באַוועגונג, לעמבערג, ז' 13.

ב ח י י | בעכאַיאַי | -- אינט. (רעג, ישראל ) באשוועררונג:
איך זאל אזוי לעבן! איך שווער ביי מיין לעבן.
% מעגסט מיר גלייבן, בחיי, אז איך וועל דיר דאס
געלט אפגעבן צו דער צייט!

בחיי נפשי | ... נאפשי | -- דזוו דפוו, זעלטן.

1875 " איך שווער בחיי נפשי ווען מיינע בני הבית
העטן עאר מיך געלאזט אזוי וואלט איך |...| דאס
איבעריקע |...| פארטיילט פאר די ארעמע |...| ".
איבז י. האמבורגער, א. דאנציק, בית אברהם,
לעמבערג, ז׳ 67.

בחיי ראשי -- דזוו דפוו. בחיי ראשי - איך האב
אים שוין לאנג אומגעקערט די הלוואה!

ב ח י ל = ו ר ע ד ה | בעכיל=אורעאָדאָ | -- ( חם )
מיט מורא און ציטערניש. % קהל האט אויסגעהערט
דעם מגידס מוסר=דרשה בחיל=ורעדה.

ב ח י נ ה | בכינע | -- די, =ות. 1. קאטעגאריע,
מעמד, שטאנד. % זיין/געפינען זיך אין דער בחינה
פון... דער בחור גייט ארום תמיד פארטראכט, פאר-
חלומט, אין דער בחינה פון א נאכטוואנדלער. בעוויסע
מענטשן זיינען נאך מאראליש אין דער בחינה פון חיות.

1910 " איך וואס פאר א ׳בחינה׳ זאל איך ערשיינען פאר
די ליכטיקע אויגן פונעם רבי? |...| איך וועל קומען 115
אין מיין אייגענער בחינה אלס יידישער שרייבער".
י. גארדין, בילדער פון גאליציען, שריפטן, ב׳ III,
נ"י, ז׳ 198.

1963 " ער זאל זיין אין דער בחינה פון א פארשליסער ".

הל, עסייען און רעדעס, נ"י, ז׳ 93. 113

1974 " אויב די ציון=פאן האט דעם כוח צו געבן יידן

א ביסל אמונה |...| צו גיין אויף דעם שווערן וועג, 128

איז עס אין דער בחינה פון יענער הייליקער פאן".

2. מדרגה, שטאפל, ניוואָ. % דער מענטש האט זיך

דערהויבן צו דער בחינה פון א שעפער.

" עס איז פאראן א העכערע בחינה, א ניגון וואס 1901

זינגט זיך אליין, גאר אן ווערטער ". פרץ, א גילגול 128/א

פון א ניגון. אלע ווערק

" דער יסוד פון דער ׳ארץ=העליונה׳ דאס איז די ~~1957~~ 1955 [?]

בחינה פון ׳ממלא כל עצמין׳, און די אונטערשטע, 124

דאס איז די גלוסטיקע לאנד(ארץ=ישראל)". תניא,

...... קכ - רמה.

1965 " זיין א שטיינהאקער // איז גאר א הויכע בחינה".

מאל, ליכט פון דארנבוים, ב"א, ז׳ 58. 116

3. אספעקט, זייט. % די סיבות פון אנטיסעמיטיזם

קאן מען באטראכטן פון פארשיידענע בחינות --

עקאנאמישע, רעליגיעזע או"וו.

1953 " הכנסת=אורחים האט א סך בחינות און מדרגות".

מ. יודעלעוויטש, ~~ס׳ זכרון~~ זכרון ברנוביץ, ת"א, ז׳ 353. 126

0 בחינה עילאה | אילאָע | -- די העכסטע בחינה

( קאטעגאריע, מעמד )

4. עקזאמען, פארהער. % די ישיבה=בחורים גרייטן

זיך געשמאק צו די בחינות.

1959 " מיר האבן אין זינען |...| די בחינה עילאה

פון יידישער גייסטיקייט, אט די גוטע יידישע מידות, 133

די מעשים טובים". ל. באיאן, ~~זב=בחחט=החדחשט=שדלך~~

זב נייע יידישע שול, מעקסיקע, אקטאבער.

בחינם | בעכינעם | -- אדוו. 1. אומזיסט, אן געצאלט, גראַטיס. % דאס הויז האט ער באקומען בחינם, אן א גראשן געלט. די ארעמע=לייט קריגן מיטאגן בחינם אין דער גארקיך פון דער קהילה.

1818 " זאל דר מענש גווארנט זיין חלילה ניט אפ צו
145 נעמען דען חברש גוט בחנם |...|". | מחבר?|,
שבע זכירות, לעמבערג, | ז׳ 25 |.

2. זייער ווארוול, שפאט ביליק. % די סחורה מוז ער פארקויפן ממש בחינם, אבי פטור צו ווערן פון איר.

... " באלד נאך שלושים האט ר׳ חייא |...| מיט א מאל
145/א אפגעשניטן פון אלע מסחרים ׳פארקויפט די פערל׳ |...|
בחינם ". פרץ, מסירת נפש, (63 אלע ווערק V אלוועלט, נ"י 1947, ז 211.

3. אן שום נוצן/ פעולה; אן שום סיבה/ גרונט, אומזיסט און אומניש, סתם=אזוי. % בחינם שווערט ער זיך - סיי ווי גלייבט אים קיינער ניט. זיין טרחה איז געווען בחינם -- ס׳האט גאר ניט געהאלפן.

1875 " האב איך באמערקט, אז דאס ברעט איז עפעס פארע-
137 נדערט פון די אנדערע ברעטער; האב איך פארשטאנען,
עס איז ניט בחינם ". | מחבר?| קהל חסידים,
לעמבערג, נד, עמוד א.

1923 " האבן זיי געזען, אז זיי האבן זיך בחינם געשלאָגן
141 - דער ישיבהניק האט זיי אפגעפרייערט ". ש. לעהמאן,
זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז׳ 67.

1967 " מיט כל הסארטן ליגן |...| וויל ער דיך קריגן,
143 // נאר ס׳איז אלץ בחינם ". צייט, אלע לידער
און פאעמעס, נ"י, ז׳ 302.

0 בחינֵי=חינם | בעכינע=כינעם | -- אדוו פר.

שפּאַס ביליק, כמעט אומזיסט, בזיל=הזול. דעם ראַמש סחורה האט ער איינגעהאנדלט אויפן יריד בחינֵי=חינם און ער וועט כאפן א וואַזשנע פאַרדינסטל.

בחצי=חינם | באַכצי=כינעם/ בעכאצע=כינעם | -- אדוו פר.

דזוו דפוו. די דירה האב איך געקויפט בחצי=חינם ביי איינעם וואס האט געמוזט אוועקפארן פון דאנען.

..." איך פיר און צוואנציק שעה גענומען און געבראכן

אזא גוטס |...| פאַרקויפט אלצדינג בחצי=חינם". 190

שע, טוביה, ציט אויסג נ"י 1920, ז' 225.

..." זי | די פריצה | האט קרעטשמעס, וועסטו ארייַנזעצן

יידן בחצי=חינם". פרץ, III, ז' 171. 186

בחינם בלא דבר |...בעלוי דאַוואר | -- אדוו פר.

( ) אומזיסט און אומניסט, אן א פאר וואס,

אן א סיבה. % מע האט אים ארעסטירט בחינם בלא דבר.

1895 " נאר דער רבי מיט ר' מחונציען מוזן נעבעך

בחינם בלא דבר אפקומען בעוון הדור". 147 ייל,

דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 179.

שוו: בחינם קריגט מען ( נאר ) שינאה.

בחינם קריגט מען קינים | לייז |.

מע קראצט ניט דעם קאפ בחינם, אדער מע האט צרות

אדער כינים.

עס איז בחינם וואסער אין ברונעם צו גיסן, אז עס קומט

ניט אליין צו פליסן.

ם בחנם.

1.

1764 " |...| האב אים אפורירט | אָפּערירט, פאַרגעלייגט |

בכאן בייא מיר אין בית צו זיין וויל אים עסיק 144

אונט לאָדזשן בחנם געבן ". יידישע בריוו פון

18 י"ה, פובליקאציעס פון א"מ' יידי' היסט' געזעלשאפט,

ב' 34 ( ענגליש ), נ"י, 1937, ז' 92.

3.

סחורה האט ער איינגעהאנדלט אויפן יריד בחינ׳=חינם

און ער וועט כאפן א וואזשנע פארדינסטל.

בחצי=חינם | באַכצי=כינעם/ בעכאצע=כינעם| -- אדוו פר.

דזוו דפוו. די דירה האב איך געקויפט בחצי=חינם

ביי איינעם וואס האט געמוזט אוועקפארן פון דאנען.

..." איך פיר און צוואנציק שעה גענומען און צעבראכן

אזא גוטס |...| פארקויפט אלצדינג בחצי=חינם ". 190

שע, טוביה, ציט אויסג נ"י 1920, ז׳ 225.

..." זי | די פריצה | האט קרעטשמעס, וועסטו ארייגזעצן

יידן בחצי=חינם". פרץ, III, ז׳ 171. 186

בחינם בלא דבר |...בעלוי דאַוואר | -- אדוו פר.

( ) אומזיסט און אומניסט, אן א פאר וואס,

אן א סיבה. % מע האט אים ארעסטירט בחינם בלא דבר.

1895 " נאר דער רבי מיט ר׳ מחונציען מוזן נעבעך

בחינם בלא דבר אפקומען בעוון הדור". ייל, 147

דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז׳ 179.

שוו: בחינם קריגט מען ( נאר ) שינאה.

בחינם קריגט מען קינים | לייז |.

מע קראצט ניט דעם קאפ בחינם, אדער מע האט צרות

אדער כינים.

עס איז בחינם וואסער אין ברונעם צו גיסן, אז עס קומט

ניט אליין צו פליסן.

ם בחנם.

1. <-------

1764 " |...| האב אים אפורירט | אַפּרירט, פאַרגעלייגט |

בכאן בייא מיר אין בית צו זיין וויל אים עססין 144

אונט לאַדזשן בחנם געבן ". יידישע בריוו פון

18 י"ה, פובליקאציעס פון א מ׳ יידיש היסט׳ געזעלשאפט,

ב׳ 34 ( ענגליש ), נ"י, 1937, ז׳ 92.

3. <--------

| סוף XVIII י"ה | " |...| און שווערט בייא אלי אותיות

קדושת ושארי דברים דיא איך ניט בחנם שרייבין מאג". 148

זכרונות מרת גליקל האמיל, ז׳ 163.

בחיני־חנם.

1706 " דיא זעלביגי לייט זיינן עובר אויף דיא ריד
פון דיא חכמים |...| אונ׳ בחיני חנם מאכין זיא 132
דז אויף זיא זאל איין גרושין עונש קומין ". ד. ה.
קאיידנוור, קב הישר, ורנקבורט דמיין, תס"ו, חלק שני,
דף סג/ב.

ב ח י נ מ ד י ק | בעכינעמדיק | - אדי/אדוו.

1. אומזיסט(יק), אן לוין, אן געצאלט. % בחינמדיקע
מאלצייטן. די סטודענטן האבן געקריגן בחינמדיק
אן ארייננגאנג אין טעאטער.

1893" פאר א באוויין ווי פל דער פויער מוז אוועקצאלן
צו דעם בחינמדיקן פרעסער, צו דעם אייגנטימער
|...|". ב. פייגענבוים, די גאולה, נ"י, ז׳21.

1970 " דער פלאן |פון די נאצים| איז געווען צום ערשטן
|...| ארויסצוקוועטשן פון די אויסגעריבטע,
פארהונגערטע קרבנות דעם מאקסימום פון בחינמדיקער
צוואנגארבעט". רעד׳ ר. מאהלער, ~~ספר~~ זכר סאנץ,
ת"א, ז׳ 721.

2. אומנוציק, אן פעולה; גרונטלאז, אן סיבה, סתם אזוי.
% די רייד זיינען געווען בחינמדיקע, מ׳איז סיי ווי
ניט געקומען צו קיין טאלק. די מחלוקת צווישן
זיי איז א בחינמדיקע קיין ערנסטע מאטיוון זייען
נישטא.

1924 " זי אפצוראטעווען איז שוין געווען א בחינמדיקע
מי, - גרעטע איז געשטארבן". ע. ווארשאווסקי.
זש׳ כאליאסטרע, פאריז, ז׳ 58.

ב ח נ ם -- ~~...~~ בחנם.

ב ח י פ ז ו ן -- <------ בחפזון.

ב ח י ר | בעכיר/באכיר | -- דער, =ים. ( )

דער אויסדערוויילטער, דער בעסטער. % דאס יידישע פאלק האט מען געהאלטן פאר דעם בחיר פון גאט. דער יונגערמאן איז דער בחיר פון דער משפחה, אלע גרייסן זיך מיט אים. דאס יינגל איז דער בחיר פון קלאס. אן אתרוג האב איך - א בחיר!

1953 " |...| געווארן גאטס א בחיר ". הל, אין די טעג פון איוב, נ"י, ז׳ 97. 158

0 בחיר=היצור(ים) |... האיעצור(ים) -- דער אויסדערוויילטער ( דער בעסטער ) פון אלע באשעפענישן - דער מענטש.

... " ער האלט, אז דער בעל=מלאכה איז גאר דאס איבערשטע פון שטייסל, דער בחיר-היצורים ". אר.

1804 " בקיצור ער האט זיך לגמרי ניט אוף גפיהרט אז וויא איין ב"י | בחיר היצור | צו קומט ". 61
ד. ה. הלברשטאם, שו"ת עטרת צבי, לעמבערג, תקס"ד, דף כ/1.

1959 " אבער גאט האט זיך אפגעקערט פון דיר, // פון דיר - פון זיין ׳בחיר היצור׳- // און דיך איבערגעלאזט צו דער הפקר=נאטור ". הל, לידער צום איביקן, נ"י, ז׳ 113. 163

בחיר=היצירה | ... האיעצירע | - דזוו דפוו.

1969 " די נאטור |...| איז דעם קינד |...| געווארן נעענטער ווי דער מענטש, דער בחיר היצירה." י. אקרוטני, דער יתום, גק, נ׳ 66. 163

ב ח י ר ה | ב(ע)כירע | -- די, בא. 1. אויסקלייב,
אויסוואל. % א גרויסער בחירה. די אסיפה פון
קהל וועגן דער בחירה פון א שתדלן צום קיסר האט
געדויערט לאנג. די בחירה צו זיין דער שליח איז
פאר אים א גרויסער כבוד.

1958 %|...| איז די בחירה געפאלן אויף דעם זיידן "
171 י. קאפלאן, גק, נ׳ 31, ז׳ 45.

1968 " |...| בחירה ווידער, צו זיין דער אויסדערוויילטער,
169 איז א גייסטיקע באשטימונג ". ש. גולדשטיין,
ס׳ הזכרונות לבית ליסקא, חיפה, ז׳ 39.

2. רשות ( מעגלעכקייט, ברירה ) פון אויסקלייב
צווישן גוטס און שלעכטס (וואס איז לויט דעם יידישן
רעליגיעזן וועלטבאנעם) געגעבן דעם מענטשן פון גאט;
דער פרייער ווילן. % דער ייד האט די בחירה
צו טאן מצוות אדער עבירות. יעדער האט בחירה
אין זיינע מעשים.

1873 " |...| זיי פארלירן זייער שכל, זייער הארץ און
171/א זייער מענטשלעכע בחירה". ממוס, די קליאטשע,
1873, קאנק: 173250.

1905 " זיי | די בעלי=בתים | האט ער | בערל | באטראכט
171/ב פאר די |...| פרייע, פאר די מענטשן מיט א ׳בחירה׳,
און אין פארגלייך מיט זיי האט ער זיך געפילט ווי
א ווערעמל ". אר, דער פראלעטאריער, ציט אויסג,
נ"י 1930, ב׳ X, ז׳ 192.

1968 " ווי יעדער רעליגיעזער מענטש, גלייבט אהרון צייטלין
174 אין בחירה, פרייען אויסקלייב ". באש, גק, נ׳65,
ז׳ 13.

בחירה חפשית | ...כאַפשיט | -- ( עם ) פרייער

אויסקלייב.

1974 " ער אליין האט א בחירה חפשית און קען און דארף

קאנטראלירן דעם קעמפער און זיינע מעשים ". 178

א. פאגי, גק נ׳ 82, ז׳ 96.

ם ------ 2.

|1685?| " ווען אבר די נשמה אראב קומט אזו האט זיא

דיא בחירה דיא וואל זיא מאג טון וואז זיא וויל". 160

עפש, דרך הישר לעולם הבא, פפד"מ, תמה? דף ז-1.

ב ח י ר ו ת | ב(ע)כירעס | -- די, בט. ( עלם )

וואלן, דער פראצעס פון אויסקלייבן עמעצן.

די בחירות צו דער קהילה פלעגן פארקומען חול=המועד

פסח.

ב ח י ר ת א | בעכירטע | -- די, בא. ( תם ) א צווייטער

נאמען פאר דער מסכתא "עדיות" אין סדר נזיקין

און משניות; זי ווערט אזוי גערופן ווייל אין איר

ווערן געבראכט געקליבענע השערות וואס די גרעסטע

אויטאריטעטן צווישן די תנאים האבן באשטעטיקט.

ם ב ח ל ו ם | בעכאָלעם | -- אדוו. אין חלום.

1711 " ער וואר אנטשלאפין גיוואורין ער זאך | האט געזען |

בחלום איינר דער קלויבט אויף דערניר |...|". 180

נצ 1, דברים, מ"ו - א.

ב ח ס ד = ע ל י ו ן | בעכעסעד=עליען | -- אדוו פר.

מיט ( פון ) דעם אייבערשטנס גענאד, מיט אן אויסער-

געוויינלעכן, איינגעבוירענעם טאלאנט. % דאס איז
א רעדנער בחסד=עליון -- ער רייסט ממש מיט אלע
צוהערערס.

1968 " אזא איז געווען יעקב גערשטיין. א לערער בחסד
181 עליון און דערציער נישט בלויז פון קינדער און
יוגנט |...| ". י. פאטער, גס 25' נ' 64, ז' 187.

ב ח פ ו י = ר א ש | בעכאָפּוי = ראָש | -- אדוו פר.
( ממ ) פארשעמט, צעמישט, צעטומלט.

1968 " |...| זאל ענגלאנד ארויס בחפוי=ראש און פראנקרייך
183 זאל ארויסקומען האפערדיק ?". אפא, גס 25 נ' 62 -63,
?נ? ז' 97.

ב ח פ ז ו ן | בעכיפּאָזן | -- אדוו. אין איילעניש,
אויף גיך. % זיין ארבעט טוט ער תמיד בחיפזון,
אין כאפעניש, אזא פנים האט זי טאקע. פון עסן
גיך=גיך, בחפזון, ווערט קאליע דער מאגן.

|...| " ערב פסח באדארף א ייד טאן אלצדינג בחפזון
184 |...| ווי אין פסוק שטייט געשריבן : ' כי -
ווארעם, בחפזון - איילנדיק, יצאת - ביסטו ארויס=
געגאנגען |...|". שע, בחפזון, לכבוד יום=טוב
!, ציט אויסג ווילנע, 1926 ב' XXII, ז' 19.

||=דיק -- אדי/אדוו. דזוו דפוו. % א בחיפזונדיקע
ארבעט קומט כמעט שטענדיק ארויס שלעכט, פארטאטשטע.

|...| " פון דער גאנצער כאדאבע | די קי, פערד | געמאכט
185 א מחק |...| און אזוי גיך בחיפזונדיק" ~~[illegible]~~
שע, טביה, ציט אויסג ווילנע, 1925, ב' III, ז' 225.

בחצוצרות וקול שופר | באַכ(א)צוצרעס וועקאָל שויפער | -- מיט טרומייטן און א שופר=שטים - מיט גרויס פאראד, פייערלעכקייט, פּאמפּע. % אויפ-געמען (באגעגענען, באלייטן אע) בחצוצרות וקול שופר. (אויך איראניש) צו פיל פאמפע, צערעמאניעס.

בחצי=הלילה | באַכצי=האַלאַילע | -- אדוו פר.
אין מיטן דער נאכט, צוועלף א זייגער ביי נאכט.
% דער פרוש האט זיך נוהג געווען אויפצושטיין בחצי=הלילה און אפצורכטן חצות.
|...| " ווען איז דאס געווען, // ווען איז דאס געשען? // בחצי=הלילה!". (פל)

בחצי=ימיו | באַכצי יאָמאָוו | -- אדוו פר.
טייטש: אין דער העלפט פון זיינע טעג. באטייט: (מת)
נאך גאר יונג, יונגערהייט. אין סאמע בלי פון לעבן.
% דער פאטער זיינער איז אוועק פון דער וועלט בחצי=ימיו.

בחציר | באַכציר | -- (שלש) בחורעץ, יונגאטש.
1894 "אזא בחציר טארן מיר גאר ניט לאזן זיך האדעווען א קאטאוועס וואס פאר א יונגאטש דאס איז".
א. מרגליות, די געפינענע עלטערין, ווארשא, ז' 27. (?נ?)

באמ: איז עס טאקע פון לק ?

בחרבה | בעכאַראָוואָ | -- אדוו. (מת) אין טריקעניש, אויסגעטריקנט.

1913 " איז דאך דער וווּנדער אפשר, וואס דאס שטעטלשע טייכל, וואס איז א גאנץ יאר בחרבה געווען, זאל מיט א מאל זיך איין א ים פארוואנדלען". אר, דאס טייכל, ציט אויסג נ"י 1930, אלע ווערק, ב' II, ז' 108. (?נ?)

27 - בח

בחרבו = ובקשתו | בעכארבוי אגוועקאַשטוי | -

אדוו. פר. טייטש: מיט שווערד און פיילנבויגן; באַטייַט: ( פּפּ ) מיטן גאנצן וואפן, מיט אלע מיטלען ( קעמפן ). % קעגן די חסידים איז דער רב ארויס- געגאנגען בחרבו ובקשתו.

1961 " דער ראדזינער רבי איז קעגן אים ארויס בחרבו ובקשתו -- מיט מויל און מיט פעדער, און געפסלט ארץ=ישראל=אתרוגים ". ייט, טמז, ־I14. ב/194

בחרבי = ובקשתי | בעכארבי אוווועקאשתי | --

אדוו פר. טייַטש: מיט מיין שווערד און מיין פיילנ- בויגן; באַטייט : ( פּפּ ) 1. מיט אייגענער מי, מיט אייגענע בוחות. % ווען כ'האב אנגעהויבן מיין מסחר האב איך גארניט פארמאגט, אלץ וואס איר זעט האב איך פאר(ה)ערוועט בחרבי=ובקשתי.

2.מיטן ווערב 'ארויסגיין' — בלייבן אן גארנישט, נקי, הויל און בלויז. % דער שותף מיינער האט מיך באנומען און כ'בין ארויס פון געשעפט בחרבי ובקשתי.

... " איך בין היינטיקס יאר אפגעברענט געווארן |...| ווי א שרויענער דאך! איך בין ארויס ממש בחרבי ובקשתי |...| ווי די מאמע האט מיך געהאט. שע, א נשרף, ציט אויסג ווילנע 1925, ב' ווטע , ז' 232. 196

ב ח ר ם | בעכיירעם | -- אדוו. מיט דער באשווערונג,
אונטער דער דראונג צו ווערן אריינגעלייגט אין חרם
( אויסגעשלאסן צו ווערן פון יידישן קהל ), אויב מע
וועט טאן / ניט טאן עפעס. % דעם קצב האט מען
געווארנט בחרם ניט צו פארקויפן קיין בשר חוץ. איך
נעם אויף זיך בחרם אויסצוצאלן די חובות.

..." זאגט אים אָן בחרם, אז ער טאר ניט אריבערטרעטן
א יידישע שוועל ". פרץ, בילדער און סקיצן.... 198/א

פרעג/ פרעגט מיך ( אים, זיי ) בחרם -- באמערקונג
אדער רעפליקע ( אָפט איראניש ) ווען מע ווייסט
גאר נישט וועגן עפעס א פראגע, ענין . % עפעס
האב איך געהערט וועגן דעם זאמביע, אבער פרעגט מיך
בחרם , ווו דאס לאנד געפינט זיך. ער האט אזוי
פיל חובות, אז פרעגט אים בחרם וועמען, וויפל -
ווייסט ער שוין ניט.

... " פרעג אים בחרם, ווער באנציע איז געווען |...|".
פרץ, באנציע שווייג, ציט אויסג... 198/ב

1916 " פרעגט בחרם די אלטע מוטער, וואס א טענעמענטהויז
איז. זי וועט גאר ניט קענען אראפשלינגען אזא 198
טשיקאווע ווארט ". אר, ווארשעווער בלוט,
ציט אויסג אלע ווערק, נ"י, 1930, ב' X, ז' 238.

ם
1705 " און ווען איין בית דין שיקט נאך אים בחרם ער
זאל קומען צום משפט |...| ". קה, פפד"מ, תס"ה, 202
פרק טז, דף לב/ ז.

0 בחרם יהושע בן נון ובחרם פנחס.

1744 " |...|און' דען עולם אן צו דייטין בחרם יהושע
בן נון ובחרם פנחס ווער דש זאלט עובר זיין אויף 200
דאש גרינגשטה |...| זאל דער חרם אויף דעם יעניגין
הל זיין ". ר' שלמה זלמן לונדן, קהלת שלמה,
אמשטרדם, תק"ד.

בחרם דרבנו גרשום | בעכערעם דעראַביינו
גערשאָם | -- ------> בחדר"ג.

בחרפה | בעכאַרפע | - אדוו. מיט שאַנד, בושה, מיט פאַרשעמונג. % מע האָט דעם גנב געכאַפּט ביי דער האַנט און בחרפה אַפּגעפירט אין פּאָליציי.

בחרפה ובבושה | ... אַהוּוועבוישע | -- דזוו דפוו, [redacted] %x נאָך דעם גרויסן סקאַנדאַל איז ער בחרפה ובבושה אַנטלאָפן פון שטאָט.

... " |...| אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און ער האָט געמוזט בחרפה ובבושה בעסער ווערן ". ממוס, קליאַטשע, 1911, קאַנק: 1280780. 202/א

בחרפתי | בעכאַרפּאָסי |, בחרפתו | בעכאַרפּאָסוי |,

בחרפתנו | בעכאַרפּאָסיינו | -- צו מיין ( זיין, אונדזער) שאַנד - ווערט געזאָגט ביים דערציילן עפּעס מיט וואָס מע שעמט זיך.

" דער אָסעסאָר בחרפתו געמוזט קומען צו אים". |192...| 1912
י. קאָטיק, זכרונות...... 204/א

1972 מ'האָט זי בחרפתנו צוריקגעפירט אין איר טאַטנס חורבה ". באַש, פּאַר, IX/30. 206

|...|...|" האָט ער איינגעזען , |...| אַז בחרפתנו די הויזן שווימען אויף אים אַרום און ער ווערט פון טאָג צו טאָג דאַרער ". פּרץ, צוויי שרעקן זיך,..... 204/ב

1761 " דער מלך נבוכדנצר |...| שיקט שלוחים צו פיל
205 לענדר דז זיא זאלטן אין איף נעמן צום מלך, אביר
פיל דיא שלוגן עש אב און מאכטין זייני שלוחים בחרפה ".
ספר יהודית וספר יודא מכבי, אמשטרדם, תקח"א.

1763 " ער וואר בחרפה אונ מושט זיך שעמן |...|".
204 יעקב סג"ל |...|, קהלת יעקב, תקכ"ג, ~~אין דער~~
הקדמה.

ב ח ש א י | בעכ(א)שאַי | -- אדוו. (לל) אין געהיים, בסוד, שטילערהייט, ~~[illegible]~~ % ער האט עס אפגעטאן בחשאי, אז קיין בן=אדם זאל ניט וויסן, דער שליח איז געקומען בחשאי, דורכגעפירט זיין מיסיע און אפגעפארן שטילערהייט.

1931 " מחשבות פון זקנה און טויט האבן אים אנגעהויבן
207 פייניקן. האט ער פון דעם געטראכט פאר זיך, בחשאי,
פארשלאסן געדרעדט האט ער נאך אלץ נישט פון דעם.
ב. עפעלבוים, דעם זיידנס שקיעה, ווארשע, ז' 52.

ב ח ש י ב ו ת | בעכשיוועס | -- אדוו. חשוב, וויכטיק. % זיין/ האלטן בחשיבות. דעם גאסט האבן אלע געהאלטן בחשיבות. גאלד איז תמיד בחשיבות.

בחשיבות גדול | -- צ.. גאדל | -- אדוו פר. דזוו דפוו, מיט א פארשטארקונג פון באטייט % נאפט און אוראניום זיינען איצט בחשיבות גדול.

1865 " דער גביר נעמט זיי צו זיך אויף שבת |...|
209 און די מענטשן האלט ער זייער בחשיבות גדול ".
מ. רייזענזאפט, מצמיח ישועה, |...|, ווארשא, דף יא/

... " בשעת מלחמה |...| זענען פערד געוואָרן בחשיבות

210 גדול, מע האָט זיי געזוכט מיט ליכט ". שע, טוביה,

ציט אויפֿל׳ נ"י 1920, ז׳ 183.